ב"ה

# טעראפּי

גליון 19

- ענקזייעטי
- דיפּרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## פארוואס דארף איך שלאפן אזוי סאך?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב געזען אז אויב איך גיי שלאפן פרי און איך שלאף אכט שעה ביינאכט, שפיר איך נאכדעם גוט א גאנצע טאג; אויב אבער גיי איך שלאפן שפעט, אדער שלאף איך ווייניגער פון אכט שעה, שפיר איך שוין נישט אזוי הונדערט פראצענט גוט.*

*פון די אנדערע זייט וויל איך אבער זייער שטארק לערנען ביינאכט, זיך מער באפלייסן אין לערנען ביינאכט, בפרט אז ביינאכט איז מער רואיג, אסאך גדולי ישראל האבן מתמיד געווען ביי נאכט, אויך מוהרא"ש ז"ע. מוהרא"ש שרייבט אבער אסאך מאל נישט צו זיין קיין איבער חכם, מען זאל היטן די שלאף. אפשר דאס אז איך דארף שלאפן אזוי סאך איז וויל איך בין זייער מגושם? איך בין זייער צעמישט מיט דעם. וואס זאל איך טון?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - מוצאי שבת קודש פרשת ויצא, ז' כסליו, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

רבי נתן האט אמאל געשמועסט מיט אנשי שלומינו דיבורי התחזקות, ער האט זיי מחזק געווען זיי זאלן זיך דערהאלטן מיט אלע כוחות אפילו עס גייט נישט ווי מען וויל וכו'; אינמיטן האט זיך רבי נתן צופייערט און געזאגט: "פארוואס איז רבי שמעון בן יוחאי געווען רבי שמעון בן יוחאי? ווייל ער האט געהאט די מאס התחזקות! פארוואס איז דער אר"י הקדוש געווען דער אר"י הקדוש? ווייל ער האט געהאט די מאס התחזקות! פארוואס איז דער בעל שם טוב הקדוש געווען דער בעל שם טוב הקדוש? ווייל ער האט געהאט די מאס התחזקות! פארוואס איז דער הייליגער רבי געווען דער הייליגער רבי? ווייל ער האט געהאט די מאס התחזקות! און פארוואס בין איך וואס איך בין? ווייל איך האב די מאס התחזקות"; רבי נתן האט נישט אויסגערעכנט די צדיקים אז זיי זענען צוגעקומען צו זייערע מדריגות דורך ווייניג שלאפן וכו', נאר צוליב זייער התחזקות; ווייל דאס איז די סוד פון די צדיקים, זיי האבן זיך דערהאלטן, זיי האבן געדינט דעם אייבערשטן און זיך נישט געלאזט צעברעכן פון גארנישט.

### מיט וואס דארפן מיר נאכמאכן די צדיקים?

מאך נישט נאך די צדיקים מיט ווייניג שלאפן און ווייניג עסן, מיר דארפן נאכמאכן די צדיקים מיט זייער שמחה און זייער התחזקות, ווי זיי זענען זיך מחזק; אפילו זיי שפירן ווי מען דארף זיי נישט און ווי מען איז זיי מרחק דערהאלטן זיי זיך, ווי זיי האבן געשפירט אין איין טאג טויזנט מאל א טעם פון שטארבן און דאך זענען זיי נישט אוועק געגאנגען פונעם אייבערשטן, מיט דעם דארף מען זיי נאכמאכן.

עס און שלאף אבער היט די צייט, איינער דארף שלאפן מער און איינער קען שלאפן ווייניגער, דער עיקר דארף מען היטן די צייט און זיך נישט איבערשטרענגען. דער רבי זאגט (ספר המידות אות תשובה, סימן פד): "תִּקּוּן הַגּוּף קוֹדֶם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ", א מענטש דארף אכטונג געבן אז קודם זאל זיין גוף זיין רואיג און נישט איבערגעשטרענגט, און נאכדעם זאל ער אכטונג געבן אויף זיין נפש; ווען דער יצר הרע זעט א מענטש וועם ער קען נישט בייקומען - דער מענטש פירט זיך זייער ערליך, קומט ער צו אים ווי א פרומער, ער מאכט אים שפירן אז ער טוט נישט גענוג, און ער פארדרייט אים דעם קאפ אז ער זאל פאסטן און טון סיגופים וכו' וכו'. פארשטייט זיך אז דער מענטש האט נישט קיין כח צו דעם, פאלט ער אראפ און ער ווערט שוואך, און ער בלייבט ליגן אין בעט אן קיין כח, ער קען נישט נישט דאווענען און נישט לערנען, און אזוי האט ער אים געכאפט אין זיין פאסטקע.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וואס טו איך אז איך קען נישט פארנעמען ווען יעדער קוקט אויף מיר?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב א פראבלעם אז איך קען נישט פארנעמען אז מ'קוקט אויף מיר, עס שטערט מיר זייער שטארק אז אלע קוקן אויף מיר, איך וואלט זיך אנגעטון א מאסק א גאנץ יאר, וואס קען איך טון דערצו?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בשלח, כ"ה שובבי"ם, י"א שבט, שנת תשפ"ג לפרט קטן

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

### וואס איז די רפואה פאר אלע שווערע מחשבות?

די עצה פאר דעם, און פאר אלע אנדערע מחשבות וואס לאזן נישט צורו דעם מענטש - איז אמונה; אמונה איז די רפואה פאר די אלע מחשבות. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דער עיקר אויף וואס א מענטש דארף ארבעטן צוצוקומען - איז אמונה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", ווייל עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס האבן מחלות, און זיי ליידן פון דעם נאר ווייל

זיי האבן נישט קיין אמונה; דאס גייט ארויף אויף יסורי הנפש וואס מענטשן ליידן זיך נעבעך צאם.

זאגט דער רבי ווייטער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", ווען א מענטש האט נישט קיין אמונה און ער ליידט נעבעך פון די מחלות וואס קומט פון חסרון אמונה, דאן העלפט אים נישט קיין רפואות, עס העלפט נישט קיין תפילה און אויך נישט זכות אבות. דאס מיינט מען די יסורים וואס מענטשן מאכן נעבעך מיט פון אלע סארט יסורי הנפש; עס פייניגט זיי פון אינעווייניג - יעדער מיט זיינע שלעכטע מחשבות, און די איינציגסטע רפואה אויף דעם איז אמונה.

דערפאר זאלט איר זיך זייער שטארקן אין אמונה, טראכטס: 'דער אייבערשטער איז דא, ער איז אלעס, ער מאכט אלעס, נישטא גארנישט אויסער אים. אלע מענטשן, אלעס - איז אייבערשטער, דער אייבערשטער איז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל' - וועט אייך שוין נישט שטערן אז מען קוקט אויף אייך, עס וועט אייך בכלל נישט אנגיין מענטשן, איר וועט לעבן א זיסע לעבן.

איר זענט נישט די איינציגסטע וואס שרייבט מיר אזא בריוו, זייער אסאך שרייבן מיר די זעלבע ווערטער ממש, אז זיי קענען נישט גיין צווישן מענטשן, ווייל עס האט זיך אויפגעבויט אזעלכע מחשבות אז יעדער קוקט אויף זיי און אלע טראכטן איך בין נישט גוט וכו' וכו'.

**וואס לייגט מען אריין אין די אינגע קינדער?**

געווענליך פאסירט דאס ווען אין די יונגע יארן האט מען נישט אריינגעלייגט אמונה, אלע יארן אין חדר און אין שולע איז צוגעגאנגען מיט קאנקורענץ, ווער איז דאס בעסטע קינד, און ווער קען נאכמאכן דעם און דעם קינד; מען האט נישט געלערנט אמונה, מען האט זיך נישט פארלייגט אויף אמונה, די וועג פון טראכטן איז געווען נאר אויף דער זאך 'וואס וועט מען זאגן אויף מיר וכו' וכו'.

עס איז נישט צו שפעט, הויבט אן פון יעצט זיך פארלייגן אויף חזר'ן אמונה. זינגט זיך ניגוני אמונה און הערט שיעורים פון אמונה - וועט אלעס אוועקגיין פון זיך אליינס, ווייל אז מען צינדט אן א לעקטער ווערט פארשווינדן די טינקלקייט. אמונה ברענגט ליכטיגקייט, אזוי ווי דער הנביא זאגט (יחזקאל מג, ב): "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", עס איז ליכטיג געווארן פונעם אייבערשטן. ווען יחזקאל הנביא האט געזען די מרכבה - איז פלוצלונג געווארן זייער ליכטיג, אזוי איז ביי יעדן איינעם, אז מען נעמט אריין אין זיך אמונה. די ראשי תיבות פון (שם א, א): נִ'פְתְּחוּ הַ'שָּׁמַיִם וָ'אֶרְאֶה מַ'רְאוֹת אֱ'לֹקִים - איז אמונה, דאס וואס יחזקאל הנביא האט זוכה געווען, צו נִ'פְתְּחוּ הַ'שָּׁמַיִם וָ'אֶרְאֶה מַ'רְאוֹת אֱ'לֹקִים, עס האט זיך געעפנט די הימל און ער האט געזען די גאנצע מרכבה - צו דעם קען יעדער איינער זוכה זיין דורך אמונה, און דעמאלט ווערט ליכטיג.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי קען איך זיך בעסער פארשטיין מיט מיין איידעם?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב ברוך ה' חתונה געמאכט מיין עלטסטע טאכטער פאר אפאר יאר צוריק און זיי האבן שוין א קינד ברוך ה', אויך איז מיין איידעם זייער גוט צו מיין טאכטער און ער העלפט איר ווען ער קען. איך האב אבער א פראבלעם אז מיין איידעם גלייכט נישט צו רעדן צו מיר, צו מיין ווייב קען ער רעדן צוויי שעה אין א צו, אבער ווען איך קום אהיים ענדיגט ער די שמועס אין אפאר מינוט און ער גייט אוועק. אויך ווען מ'קומט צו שמחות פרובירט ער צו שטיין ווייט פון מיר, אויך ביי די שבת סעודות איז ער נישט באקוועם אין מיין הויז, ער פארגינט מיר קוים א האלבע שמייכל פון מאל צו מאל, ער איז נישט באקוועם ווען איך הייב אויף זיין בעיבי, און ער האט נישט ליב ווען איך רוף אים.*

*איך זע נישט וואס איך האב געטון שלעכטס, איך האב אים קיינמאל נישט געזאגט וואס צו טון, אויך האב איך זיך קיינמאל נישט געמישט אין זיינע געשעפטן, און איך האב אים אלץ געהאלפן סיי מיט געלט אדער וואס מעגליך, כ'ווייס נישט אויב איך רעד אפשר צו שיין צו אים און ער האט עס נישט ליב, אדער אפשר איז נארמאל אז אן איידעם שטייט ווייט פון זיין שווער, כ'האב אזויפיל יארן געווארט צו האבן אן איידעם, אבער ס'טוט מיר וויי אז איך פארשטיי זיך נישט מיט אים, אפשר קען מיר דער ראש ישיבה שליט"א געבן אן עצה?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' האזינו, ח' תשרי, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז א נארמאלע זאך אז דער איידעם שעמט זיך פונעם שווער און פירט זיך צוריק געצויגן נעבן דעם שווער. דאנק דעם אייבערשטן אז דיין טאכטער איז צופרידן, ער העלפט איר און איז איר געטריי; וואס נאך דארפסטו? וואס מער דארפן עלטערן ווי נחת ביי די קינדער?

**צו וואס דארף מען אן איידעם?**

איין זאך וואס איך פארשטיי נישט, וואס מיינסטו צו זאגן אז דו האסט אזויפיל יאר געווארט צו האבן אן איידעם? צו וואס דארף מען אן איידעם? וואס איז דא צו טון מיט אן איידעם?! לאז אים לעבן מיט דיין טאכטער; אז דיין טאכטער איז צופרידן וואס נאך דארפסטו? אז ער וויל שמועסן מיט דיר איז גוט און אז נישט איז נאך בעסער; וועט ער אהיים גיין שמועסן מיט דיין טאכטער און בויען זיין שטוב.

געוואוין זיך צו צו שמועסן מיט'ן אייבערשטן; נעם די עצה פון רבי'ן, די עצה פון התבודדות ותפילה, די עצה וואס משיח צדקינו וועט אריינברענגען אין די וועלט; מען זאל רעדן צום אייבערשטן, שמועסן מיט אים, דערציילן אלעס וואס גייט אריבער און אים דאנקען אויף אלעס. גיי יעצט אין א ליידיגע פלאץ, זעץ דיך אוועק און זאג: "איך דאנק דיר אייבערשטער פאר מיין לעבן, פאר מיין ווייב און קינדער, פאר מיין חתונה געהאטע קינדער און אייניקלעך", - וועסטו שוין גארנישט דארפן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.
א גמר חתימה טובה.

**ווי אזוי נעמט מען אוועק קנאה צווישן חתונה געהאטע געשוויסטער?**

**ווי אזוי קען איך זיך אפגעוואוינען פון טרינקען אלקאהאל?**

קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל, שרייבט צו:
trpy458@gmail.com

קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066